בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת

תשפ"ה

370

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער צוּ שְׁפִּילְן נָאר אֵיידְל?.......................... א
וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ אוֹיס אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט מַיין שִׁידוּךְ?.......................... ג
קוֹיפְן אַן אֵייגֶענֶע דִירָה?.......................... ה
וָואס טוּט מֶען וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּרְנָסָה?.......................... ו
פַאְרוָואס ווִילְן נִישְׁט מַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן?.......................... ח
וִוי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן חוֹבוֹת?.......................... י
וִוי אַזוֹי רֵיינִיג אִיךְ אָפּ מַיינֶע פַארְשְׁמִירְטֶע אוֹיגְן?.......................... יב
פַארְוָואס קוּמְט מִיר אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת בַּיים מִצְוָה טַאנְץ?.......................... טו


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַ תִּיקוּן פַארְן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן.......................... א
מֶען קֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן דִי וַוייבּ.......................... א
זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל.......................... ב
נִישְׁט צוּ סַאךְ צוּ וֵויינֶען, אַבִּיסְל וֵויינֶען אִיז גוּט.......................... ג
אַ קִינְד וָואס וֶוערְט שְׁנֶעל נֶערְוֶועז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט.......................... ג
דוּרְךְ רֶעדְן אוּן הֶערְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, וֶוערְט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט.......................... ד
רֶעד נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם קֶעגְן דַיין טַאטֶע מַאמֶע.......................... ה
נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה אוּן גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ.......................... ו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נִישְׁט קַיין אוּמְרֶעכְט.......................................ז

הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל.......................................ח

דֶער וָואס פְרֶעגְט אוּן בֶּעט עֵצוֹת, אִיז אַ קְלוּגֶער.......................................ח

רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער הַארְצִיגֶע דִיבּוּרִים.......................................ט

אוֹיפְוַואקְסְן אָן קַיין בּוּשָׁה פוּן תְּפִילִין דְרַבֵּינוּ תַּם.......................................י

נִישְׁט שְׁוֶוער מַאכְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ.......................................יא

אַ גְרוֹיסֶע דַאנְק פַאר דִי הֶערְלִיכֶע הַכְנָסַת אוֹרְחִים.......................................יב

וֶוען דִי פְרוֹי טְרַאכְט גוּט, וֶוערְט דֶער מַאן בֶּעסֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער.......................................יג

אַרוֹיסְהֵייבְּן דָאס קִינְד וָואס פִּירְט זִיךְ דֶערְוַואקְסְן.......................................יד

לָאז אָפּ דִי זַיידֶענֶע וָוארְט פוּן "בַּאשֶׁערְט".......................................יד

קְלַאפְּן אוֹיף דִי טִירְן צוּ הֶעלְפְן דֶעקְן דִי מְלַמְּדִים.......................................טו

דֶער וָואס דַארְף גָארְנִישְׁט, דֶער הָאט אַלֶעס.......................................טז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער צוּ שְׁפִּילְן נָאר אֵיידְל?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס פַּאר אַ דְרֵיי יֶערִיג קִינְד זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְן פוּן מֶענְטְשְׁן?

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי, מַיין אִינְגְל אִיז דְרֵיי יָאר אַלְט, אוּן עֶר הָאט אַ פֶּעטֶער אַ אִינְגְל פוּן עֶלְף יָאר אַלְט, אוּן וֶוען זֵיי טְרֶעפְן זִיךְ צוּזַאם - וֶועט דֶער פֶּעטֶער אַלְץ שְׁפִּילְן מִיט אִים דוּרְכְן אֶנְכַאפְּן, אוֹיפְהֵייבְן, אוּן דָאס גְלַייכְן.

לֶעצְטֶע וָואךְ שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ זִיךְ מַמָּשׁ אוֹיפְגֶערֶעגְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּשׁוּט דֶערְשְׁרָאקְן ווי אַזוֹי עֶר כַאפְּט אִים אַרוּם, אוּן אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶענוּמֶען מַיין קִינְד, אוּן דֶער פֶּעטֶער הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, אָבֶּער פוּן דֶעמָאלְט בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט עֶר דִי גַאנְצֶע צַייט נָאר פְּרוּבִּירְט אִים אַרַיינְצוּשְׁלֶעפְּן אִין זַייטִיגֶע צִימֶערְן וואוּ אִיךְ זֶע נִישְׁט, אָדֶער פַארְשְׁפַּארְן דִי טִיר, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר אֶנְגֶעצוֹיגְן פוּן דֶעם, אוּן גֶעמוּזְט זַיין פַארְנוּמֶען דִי גַאנְצֶע צַייט צוּ קוּקְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְן.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶר אִיז נָאר עֶלְף יָאר אַלְט, אָבֶּער מֵיינְט דָאס שׁוֹין אַז עֶר מֶעג שְׁפִּילְן נִישְׁט אֵיידְל מִיט מַיין קִינְד? וָואס אִיז אַ חִילוּק ווי אַלְט עֶר אִיז?

אִיךְ וִויל נִישְׁט אָנְשְׁרֶעקְן מַיין קִינְד, אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶר זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז עֶר זָאל מִיר מוֹרָא הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט ווי זֵיי רֶעדְן אִין אַן אַנְדֶערֶע צִימֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט ווי דֶער פֶּעטֶער זָאגְט אִים אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט שְׁפִּילְן מִיט אִים אוּן אִים אַרוּמְנֶעמֶען וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ קֶענְדִי. אִיךְ בִּין גְלַייךְ אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּן גֶעזָאגְט פַאר מַיין קִינְד אַז מִיר הָאבְּן אוֹיךְ קֶענְדִיס, אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט אַרוּמְנֶעמֶען צוּ בַּאקוּמֶען אַ קֶענְדִי, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דֶעם.

אֶפְשָׁר דַארף איך רֶעדְן צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועגְן דֶעם? אֶפְשָׁר זֶענֶען דִי קִינְדֶער נָאךְ צוּ יוּנְג אוּן עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם? אֶפְשָׁר אִיז מַיין שְׁרֶעק סְתָּם אִיבֶּערְגֶעטְרִיבְּן? אִיךְ וֵויס אַלֵיין נִישְׁט, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט צוּ דֶעם אִינְגְל עֶר זָאל זִיךְ שְׁפִּילְן אֵיידְל, אַז מֶען רֶעדְט - פּוֹעֶלְ'ט מֶען, אוּן אַז עֶס פֶּעלְט אוֹיס - רֶעדְט מֶען נָאכְאַמָאל; זָאגְט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁפִּילְן אֵיידְל, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ אֵיידְל, בִּיז אִיר וֶועט פּוֹעֶלְ'ן.

מַאכְט נִישְׁט קַיין פַּאנִיק אוּן מַאכְט נִישְׁט קַיין שְׁרֶעק, אוּן אַז מֶען דַארְף אַוֶועק נֶעמֶען דִי קִינְד פוּן זִיךְ שְׁפִּילְן אוּמְאֵיידְל - זָאל דָאס זַיין מִיט חָכְמָה, רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן, דוּרְךְ מַאכְן אַ שְׁפִּיל אִינְאֵיינֶעם וָואס אִיז אֵיידְל. שְׁפִּילְט אוֹיךְ מִיט וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן, נִישְׁט שְׁלֶעפְּן אָדֶער דֶערְשְׁרֶעקְן, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן הֵיילִיג אוּן רֵיין, נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

**בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן הֵיילִיג אוּן רֵיין, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן מַיינֶע תְּפִילּוֹת, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין דָּבוּק צוּ דִיר".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ אוֹיס אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט מַיין שִׁידוּךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן צוּ זַיין אַ בָּחוּר, אַ סִינְגְל מֶענְטְשׁ, אִיךְ בִּין אִין זֵייעֶר גְרוֹיסֶע תְּפִיסָה, אִיךְ וִויל אַנְטְלוֹיפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי אִידִישֶׁע נִיגוּנִים, וֶוען נִישְׁט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א'ס נִיגוּנִים וָואלְט אִיךְ זִיךְ גֶע'הַרְגֶ'ט, צִי דוּרְךְ דְרָאגְס צִי מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

זָאל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּזֶען מַיין פַּיין אוּן וֵוייטָאג, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אַ מַנְהִיג דַארְף הָאבְּן רַחְמָנוּת; זָאל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּקוּקְן דִי וֵוייטָאג פוּן אַלֶע בָּחוּרִים, מְחַזֵּק זַיין דִי בָּחוּרִים, אוּן טוּן דָאס מֶערְסְטֶע עֶס זָאל זַיין שִׁידוּכִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא צַעַר וִוי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר, אַ בָּחוּר וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, אוּן וִויפִיל מָאל עֶר וִויל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ זַיין עֶרְלִיךְ - פַאלְט עֶר אוּן טְרַאסְקֶעט אִין עֲבֵירוֹת, אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דָאס מַאכְט**

אִים אַזוֹי בְּעַצְבוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, בִּיז מֶען טְרַאכְט פוּן נִישְׁט וֶועלְן לֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא, אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה. אַנְטְלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ וִוי דוּ שְׁטֵייסְט, וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַ שִׁידוּךְ. קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן זִיךְ אוֹיסְ׳טַעֲנָה׳ן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "לָא בָעֵינָא הָכָא בֵּי דִינָא דְיִדּוּנוּן בֵּינָנָא", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת צוּ מִיר - ווִיל אִיךְ נִישְׁט בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה זָאל זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", אִיךְ ווִיל זַיין אַלֵיין מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְלֵית תֵּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶענוּגְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לָא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְּשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל זֶענֶען אָפְן פַאר אַ צֶעבְרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאֲלִין", אוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קַיין רְשׁוּת; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס - דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַאר אַ צֶעבְרָאכֶענֶע הַארְץ שְׁנֶעלֶער ווִי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִּיק.

בִּיז דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיךְ נָאכְן טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי תּוֹרָה. אַנְטְלוֹיף צוּ דִי תּוֹרָה, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, זָאג יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אוֹיךְ אִין דִי בְּלֶעטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, זָאג גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטַאנְד, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בִּיז דַיין יְשׁוּעָה קוּמְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוֹיפְן אַן אֵייגֶעֶנֶע דִירָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי דִירָה וואוּ מִיר וואוֹיְנֶען יֶעצְט אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיסְגֶענוּצְט, און מִיר קֶענֶען נִישְׁט יֶעצְט קוֹיפְן אַ גֶעהֶערִיגֶע הוֹיז אִין אוּנְזֶער גֶעגְנְט, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ מִיר זָאלְן זוּכְן צוּ קוֹיפְן אַ קְלֶענֶערֶע הוֹיז אִין אַ בִּילִיגֶערֶע גֶעגְנְט אִין אוּנְזֶער שְׁטָאט, אָדֶער זָאלְן מִיר דֶערְוַוייל דִינְגֶען אַ דִירָה בִּיז מִיר וֶועלְן הָאבְּן גֶענוּג גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן?

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ ווִיסְן וָואס צוּ טוּן, אָבֶּער מִיר דַארְפְן אַן עֵצָה וָואס שְׁנֶעלֶער צוּ ווִיסְן וֶועלְכֶע וֶועג צוּ גֵיין.

און בִּכְלַל דַארְפְן מִיר אַ יְשׁוּעָה עֶס זָאל זַיין בַּיי אוּנְז מֶער שֶׁפַע און פַּרְנָסָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס לוֹינְט זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁפְּרִינְגֶען אִין קוֹיפְן און הָאבְּן אַן אֵייגֶעֶנֶע הוֹיז, מוֹהֲרַ"א"שׁ אִין דִי בְּרִיוו וֶוען עֶר וואוּנְטְשְׁט מֶען זָאל הָאבְּן אַן אֵייגֶעֶנֶע הוֹיז צֵייכְנְט עֶר אַלְץ צוּ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, ווִי זֵיי זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מוֹעֵד קָטָן ב, ד): "שִׂמְחָה לְאָדָם בְּשָׁעָה שֶׁהוּא דָר בְּתוֹךְ שֶׁלוֹ", עֶס אִיז אַ פְרֵייד וֶוען מֶען וואוֹינְט אִין דִי אֵייגֶעֶנֶע דִירָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ זָארְגְן אוֹיף אַ בַּיִת נִצְחִי, אַן אֵייגֶעֶנֶע אֵייבִּיגֶע דִירָה. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּ׳בְלִי, אַ בְּלַאט יְ׳רוּשַׁלְמִי און אַ פֶּרֶק תּ׳וֹסֶפְתָּא, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז בַּ׳יִ׳ת׳; דָאס אִיז אַ בַּיִת וָואס הַאלְט פַאר נִצְחִי, פַאר אֵייבִּיג. וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט נֶעמְט מֶען מִיט דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת און בְּרַיְתוֹת, און דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים.

אוֹיךְ אִיז דָאס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "בֵּית נִצְחִי", אַ בְּלַאט בַּ׳בְלִי, אַ בְּלַאט

**יְ׳רוּשַׁלְמִי און אַ פֶּרֶק תּ׳וֹסֶפְתָּא - אַ סְגוּלָה צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּרְנָסָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַּארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר מַיין לֶעבְּן, פַּאר דִי עֵצוֹת און לִימוּדִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אוֹיף טְרִיט און שְׁרִיט, אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, דְרֵיי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַלֶעס אִיז מִיר גוּט, אוֹיסֶער דִי פַּרְנָסָה.

אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין אַרְבֶּעט, אִיךְ מֵיין מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר מָאל גֶעמֵיינְט אַז אָט קוּמְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גְרוֹיסֶע דְזְשַׁאבּ, מֶען בֶּעט מִיר אַן "עֶסְטִימֶעט", אַ פְּרַייז פַּאר אַ דְזְשַׁאבּ, אָבֶער אַ נֶעכְטִיגְן טָאג, דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט קַיין שׁוּם רוּפְן נָאכְדֶעם, און אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע פָּאר אַנְטוֹישׁוּנְגֶען אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן.

אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶער וֶוען עֶס טוּט וֵויי שְׁרֵייט מֶען, וֶוען אִיךְ דַארְף גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר מַיין וַוייבּ און קִינְדֶערְלֶעךְ דֶעמָאלְט פְּלִי אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט אִים שֵׁיין, אִיךְ פְּרוּבִיר אִים צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס, אִיךְ וֵויין צוּ אִים אַז "אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח און גְרִינְג, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט זִיךְ מִיר גָארְנִישְׁט, אָבֶער דָאךְ זַיי מִיר מוֹחֵל און הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר"; אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַּארְוָואס, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר ווי אִיךְ טַאפּ אַ וַואנְט.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְן וָואס אִיךְ טוּ נִישְׁט גוּט, אָדֶער וָואס אִיךְ דַארְף אָנְהוֹיבְּן צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ זֶעסְט זִיךְ אָן קַיין פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ טוּן אֲפִילוּ אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת, אוּן נִישְׁט וַוארְטְן דַוְקָא אוֹיף דִי פַּרְנָסָה אִין וָואס דִי סְפֶּעצִיעֶלִיזִירְסְט זִיךְ, טוּ וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר, צִי עֶס פַּאסְט יָא צִי עֶס פַּאסְט נִישְׁט, אַבִּי אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם ׳בַּעַל בִּטָּחוֹן׳, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט צִי עֶס פַּאסְט אִים יָא דִי אַרְבֶּעט וָואס מֶען טְרָאגְט אִים אָן צִי עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט, אִין אָנְהוֹיבּ אִיז גֶעוֶוען זַיין פַּרְנָסָה פַארְעֶכְטְן כֵּלִים, אוּן וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ בַּאפֶעל אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט טְרָאגְן זַיינֶע כֵּלִים צוּ פַארְעֶכְטְן בַּיי אַ צְוֵויטְן, נָאר אָדֶער פַארְעֶכְט מֶען עֶס אַלֵיין אָדֶער וַוארְפְט מֶען עֶס אַוֶועק - הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ הָאלְץ הַאקֶער פַאר אֵיין טָאג, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר הָאט דָאס פַארְלוֹירְן - הָאט עֶר זִיךְ פַארְדִינְגֶען צוּ רֵיינִיגְן שְׁטַאלְן; דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פְּרָט וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ בְּכָבוֹד׳יגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט יָארְן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע פַּרְנָסָה, זָאל פוּן אֵיין מִינוּט אוֹיפְן צְוֵויטְן וֶוערְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֵיינִיגְט שְׁטַאלְן?! יָא, דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף כָּבוֹד וְכַדוֹמֶה, צִי עֶס פַּאסְט יָא צִי עֶס פַּאסְט נִישְׁט. אֵיין זַאךְ אִיז זִיכֶער, אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב אוּן עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ גַנָב; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דֶער עִיקָר טְרַאכְטְן: ׳וָואס טְרַאכְט מֶען אוֹיבְן אִין הִימֶל אוֹיף מִיר, וִוי אַזוֹי זֶע אִיךְ אוֹיס דָארְט?׳

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אַרְבֶּעט אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט; דוּ הָאסְט אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי דִי חוּפָּה פַאר דַיין וַוייבּ אִין דִי כְּתוּבָּה: "אֲנָא אֵיזַן, וְאוֹקִיר וְאֶפְלַח לֵכִי", אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפַּייזְן וְכוּ׳ - דַארְפְסְטוּ אַלֶעס טוּן

**צוּ שְׁפַּייזְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען צָאלְן דִירָה גֶעלְט, וַוייל אוֹיבּ מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין רֶענְט וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין דַאךְ אִיבֶּערְן קָאפּ, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט - דָאס עֶרְשְׁטֶע דַארְף מֶען צָאלְן רֶענְט, רֶענְט קוּמְט פַאר עֶסְן אוּן פַאר אַלֶעמֶען.**

**שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ גֵיין אוֹיף דִי הַייזֶער בֶּעטְן צְדָקָה, עַל פִּי הֲלָכָה** (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) **אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה מֶעג מֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט, דַארְפְסְט נִישְׁט זָאגְן פַאר דַיין וַוייבּ וְכוּ' אַז דוּ גֵייסְט נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְסְט נִישְׁט זָאגְן בַּיי דִי הַייזֶער אַז דוּ גֵייסְט פַאר דִיר אַלֵיין, קֶענְסְט זָאגְן אַז דוּ נֶעמְסְט צוּזַאם גֶעלְט פַאר אַ מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת.**

**אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.**

**...**

### פַארְוָואס ווִילְן נִישְׁט מַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר בִּיטֶע גֶעבְּן חִיזוּק פַאר שִׁידוּכִים. אִיךְ בִּין שׁוֹין אִיבֶּער נַיינְצְן יָאר אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר רוּאִיג, זֵיי הֶערְן יֶעצְט מַמָשׁ נִישְׁט אוֹיס קַיין שִׁידוּכִים.

אִיךְ ווִיל שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶּער אִיךְ קֶען זֵיי דָאס נִישְׁט זָאגְן, וַוייל זֵיי וַוארְטְן צוּ הֶערְן דִי פַארְקֶערְטֶע, אַז אִיךְ יָאג זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט, אוּן זֵיי מַאכְן חוֹזֵק פוּן דִי וָואס ווִילְן שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן. מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה מַאכְט חוֹזֶק דֶערְפוּן, אוּן אוֹיךְ מַיינֶע עֶלְטֶערֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, זֵיי זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן טַאקֶע שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים, אֲפִילוּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵיי זֶענֶען גְלִיקְלִיךְ.

אִיךְ פִּיל אָבֶּער אַז אִיךְ דַארְף שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז וַוארְטְנְדִיג אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ גֵייט עֶס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין אֵיידְלְקֵייט אוּן צְנִיעוּת צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן.

בִּיטֶע אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען גֶעבְּן חִיזּוּק פַאר מִיר אוּן פַאר אַלֶע וָואס גֵייעֶן דָאס דוּרְךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט יָא צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, רֶעדְט שֵׁיין אוּן הַארְצִיג, זָאגְט זֵיי אַז אִיר שְׁפִּירְט אַז דָאס מֶער וַוארְטְן אוּן דָאס נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן קַיין שִׁידוּכִים - גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן אַייעֶר אֵיידְלְקֵייט אוּן צְנִיעוּת. מִיט אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן דֶערְפוּן, זֵיי וֶועלְן נָאר חוֹזֶק מַאכְן, אָבֶער צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אִיז יָא כְּדַאי צוּ רֶעדְן, וַוייל דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן יָא רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין אוּן הַארְצִיג - פּוֹעֶל׳ט מֶען, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ט:): "נִכָּרִים דִּבְרֵי אֱמֶת", מֶען זֶעט אוֹיף רֵייד אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת; זֵיי וֶועלְן זֶען אַז אִיר מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, אִיר ווִילְט חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן פֵיין; דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן פּוֹעֵל׳ן בַּיי זֵיי.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דִי וֶועג ווִי מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערְן מוּז זַיין זֵייעֶר אֵיידְל אוּן זֵייעֶר דֶּרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג.

אוֹיבּ אִיר וֶועט יָא רֶעדְן צוּ זֵיי אָדֶער נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי, דַארְפְט אִיר ווִיסְן אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט סַיי ווִי נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם צוּ טוּן, אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען בֶּעט אִים מִיט סַבְלָנוּת, מֶען בֶּעט שֵׁיינֶערְהֵייט, מֶען בֶּעט אַ מַתְּנַת חִינָּם - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֶעלְט זִיךְ קֶעגְן דֶעם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה, נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים, אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה׳ יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא

יָדְעוּ כִּי מֵה׳ הִיא״, אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): ״בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה׳ אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת״, זֶעֱן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן, אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, פוּן הַארְצְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין אֵיידְל, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוּקְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן פְרֶעמְדֶע, אִיךְ ווִיל מַיין לֶעבְּן, מַיין מַאן, מַיין גֶעצֶעלְט, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, מַאךְ אַ נֵס אוּן גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ״; אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן, אוּן לֵייגְט צוּ אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, בִּיז אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַייעֶר שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן חוֹבוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז בָּאוּ מַיִם עַד נָפֶשׁ, אִיךְ פִּיל נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט גֵיין זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, אָבֶער קוֹדֶם מוּז אִיךְ פְּרוּבִּירְן. אִיךְ שְׁרַייבּ צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייל עֶפֶּעס אַן עֵצָה מוּז זִיכֶער זַיין, אוּן אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה אִין טַאשׁ. אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס מֶען הָאט יָא, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ סְטָאק, אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט גָארְנִישְׁט.

דִי חוֹבוֹת הַאלְטְן בַּיי מֶער פוּן פוּפְצְן טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז עֶס זָאל קֶענֶען וֶוערְן מְסוּדָר. אִיךְ מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף פַּרְנָסָה אָבֶער אִיךְ הַאלְט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט.

אִיךְ וֵוייס אַז אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מֶער חוֹבוֹת פוּן מִיר, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה לֶעבּ אִיךְ אִין דִי שְׁוֶוערֶע מַצָּב, אָן קַיין וֶועג אַרוֹיס.

אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט לַאנְגֶע בְּרִיווֹ, דָאס הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעמוּזְט שְׁרַייבְּן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווֹ.

גֵיי הֲפָצָה וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע; נֶעם אַ זֶעקֶל סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים וְכוּ׳ - אוּן גֵיי אוֹיף דִי הַייזֶער מְזַכֶּה זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל. מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אוֹיף דִי סְפָרִים, מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין צְדָקָה פַאר מְפִיצִים, סַיי דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה, צוּ בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, סַיי דוּ וֶועסְט פַארְרֶעכְטְן דַיינֶע מַעֲשִׂים, אָפְּגֶערֶעדְט צוּ עוֹלָם הַבָּא, אוּן מַתָּן שְׂכָרָהּ בְּצִדָּהּ - דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה, וֶועסְט קֶענֶען אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

פוּן זִיצְן מִיט פַארְלֵייגְטֶע הֶענְט אוּן וֵויינֶען אוּן קְרֶעכְצְן - וֶועסְטוּ נִישְׁט גֶעהאלְפְן וֶוערְן. מוֹהֲרַ״אשׁ זָאגְט, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ כְּלִי וואוּ מֶען קֶען אַרַיינְלֵייגְן דִי הֶענְט אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען גֶעלְט; ׳הֲפָצָה׳, לְזַכּוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט. אוֹיסֶער וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:), "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתָּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט, אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא,

וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי״, און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ״כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי״, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ״עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ״, עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן; מֶען אִיז זוֹכֶה אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה און נִישְׁט לֶעבְּן אַ לֶעבְּן פוּן שֶׁקֶר און חֲנוּפָה, זִיךְ מַאכְן וִוי מֶען הָאט גֶעלְט און לֶעבְּן אוֹיף קְרֶעדִיט קַארְדְס און חוֹבוֹת.

עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אִיבֶּער רֶעכֶענֶען נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל וִויפִיל חוֹבוֹת מֶען הָאט, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, גֵיי טוּ עֶפֶּעס. דֶער צַדִּיק דֶער רַשַׁ״ב מִלְיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַ טֵייעֶר וָוארְט: ״טוֹבָה פְּעֻלָּה אַחַת מֵאֶלֶף אֲנָחוֹת״, בֶּעסֶער עֶפֶּעס טוּן, וִוי הוּנְדֶערְט קְרֶעכְצְן; נֶעם אַ זֶעקֶל סְפָרִים, און אִיךְ זָאג דִיר צוּ דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען מִיט שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי רֵיינִיג אִיךְ אָפּ מַיינֶע פַארְשְׁמִירְטֶע אוֹיגְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ טַאטֶע פוּן קִינְדֶער, וָואס פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ דַאוֶוען דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן און אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְקֶע שִׁיעוּרִים אִין תּוֹרָה, און אִיךְ בִּין אָפְּגֶעהִיטְן אִין טֶעכְנֶעלָאגְיֶע.

אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט אַ נֵייעֶ טֶעלֶעפָאוֹן און גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם פִּילְטֶער קָאמְפָּאנִי צוּ לֵייגְן דֶערוֹיף אַ פִילְטֶער. צוּלִיבּ אַן אָפְּדֶעיט הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג אַרוֹיפְצוּלֵייגְן דֶעם פִילְטֶער, לֵיידֶער בִּין אִיךְ אָבֶּער אִין דִי פָּאר שָׁעָה אָנְגֶעקוּמֶען מִיט מַיין טֶעלֶעפָאן לְבִירָא עֲמִיקְתָּא, דִי עֶרְגְסְטֶע פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע רַחֲמָנָא לִיצְלָן, מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָוארְן פַארְשְׁמִירְט און מַיין הַארְץ פַארְשְׁטוּבְּט.

עֶס לָאזְט מִיר נִישְׁט מְנוּחָה קַיין רֶגַע; אִיךְ ווִיל נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ ווִיל נָאר וַוייטֶער דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, אָבֶּער עֶס מוּטְשֶׁעט מִיר גֶעפֶערְלִיךְ.

אִיז דָא אַ וֶועג זִיךְ אַרוֹיסְצוּזֶען פוּן דֶעם מַצָּב, פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת? אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי בִּיז הַיינְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קח): "אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא", דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף קוּקְן רַחֲמָנָא לִצְלָן; מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קְלִיפּ, אֵיין שְׁלֶעכְטֶע ווִידִיאָ, פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה - אִיז מֶען זִיךְ מְטַמֵּא דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, מֶען פַארְלִירְט דִי מֹחַ, מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ אָפּ דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, מֶען פַארְלִירְט דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פַארְפַאלְן, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַ מַתָּנָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר; פַאר דִי אַלֶע וָואס וֶוערְן נִכְשָׁל אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, צוּ זֵיי קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן אִיז זֵיי מְחַזֵּק זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, דֶער רֶבִּי וַוייזְט זֵיי דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וַוייזְט זֵיי אַ וֶועג זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי מוֹחֵל זַיין.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, דֶערְצֵייל אִים ווִי אַזוֹי אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק, אוּן בֶּעט אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיךְ הָאבּ**

גֶעטוּן, און הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן נָאר רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת", און לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת און גְּמָרָא, און אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט און דוּ גֶעדֶענְקְסְט נִישְׁט און דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען, קֶענְסְט אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אֵיכָה רַבָּה, פְּתִיחְתָּא ב): "הַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ", דִי לִיכְטִיגְקֵייט און דִי הֵיילִיגְקֵייט וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה, "מַחֲזִירָן לְמוּטָב", בְּרֶענְגְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער און צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

וֶועסְט דַארְפְן הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן טוּן דִי עֵצוֹת, אָנְהוֹיבְּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת און אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען; דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן ווִי דוּ הָאסְט נִישְׁט אַ וֶועג צוּרִיק, זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער גֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): "כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ אַף אִם מַפִּילִין אוֹתוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, בְּכָל פַּעַם", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶוערְן גֶעפַאלְן וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַרָאפּ חַס וְשָׁלוֹם, "כִּי לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁמַּפִּילִין אֶחָד מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כַּיָּדוּעַ, אַף עַל פִּי כֵן עָלָיו לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלּוֹ, לַעֲשׂוֹת מַה שֶּׁיּוּכַל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וְאַל יָנִיחַ עַצְמוֹ לִפֹּל לְגַמְרֵי, חַס וְשָׁלוֹם", וַוייל אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל - טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אָפְּלָאזְן וְכוּ׳, נָאר מֶען דַארְף וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, "כִּי כָל אֵלּוּ הַנְּפִילוֹת וְהַיְּרִידוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה", וַוייל דָאס וָואס מֶען פַאלְט אַרָאפּ, "צְרִיכִים בְּהֶכְרֵחַ לַעֲבֹר בָּהֶם קֹדֶם שֶׁנִּכְנָסִין בְּשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה", דָאס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם פַאר מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## פַארְוָואס קוּמְט מִיר אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת בַּיים מִצְוָה טַאנְץ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער אַ מָאדְנֶע גֶעפִיל וָואס אִיךְ בַּאקוּם יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי צוּ אַ חֲתוּנָה. בַּיי דִי מִצְוָה טַאנְץ הוֹיבּ אִיךְ אָן טְרַאכְטְן ווִי גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק אִיז פַאר דִי חָתָן כַּלָה וָואס הוֹיבְּן יֶעצְט אָן זֵייעֶר לֶעבְּן פוּן פְרִישׁ, אוּן מִיט דֶעם בְּרֶענְגְט דֶער יֵצֶר הָרָע אַרַיין אִין מִיר שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת נִישְׁט אַזוֹי צוּפְרִידְן פוּן מַיין וַוייבּ, אוּן מִיט דֶעם ווִיל עֶר מִיךְ מַאכְן טְרוֹיעֶרִיג אוּן הַרְגְ'עֶנֶען דָאס לֶעבְּן פוּן מִיר אוּן פוּן מַיין וַוייבּ, כָאטְשׁ וָואס בֶּאֱמֶת בִּין אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ, אוּן מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ גוּט לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר, וֶוער אִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אִיךְ קוּק נִישְׁט וואוּ מֶען דַארְף נִישְׁט, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט מִיךְ אַז אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, אוּן נִישְׁט פַאלְן מֶער.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶערְן פוּן אֵיינֶעם אַז אִיךְ בִּין בְּסֵדֶר, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין בַּעַל עֲבֵירָה, אַז אִיךְ בִּין אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ. עֶס הַרְגְ'עֶט מִיךְ אַז אִיךְ פִיר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי אוּן אַז אִיךְ טְרַאכְט אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דִי גוּט לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים, אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת מִיטְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**בְּלַייבּ נִישְׁט בַּיי קֵיין מִצְוָה טַאנְץ, וָואס הָאסְטוּ צוּ זִיצְן בַּיי מִצְוָה טַאנְץ? מִצְוָה טַאנְץ אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער אוּן פַאר דִי זֵיידֶעס, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַז דִי מִצְוָה טַאנְץ אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, עֶס הָאט נָאךְ**

אַ מְקוֹר אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (כְּתוּבּוֹת טז:): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", שִׁיטַת בֵּית שַׁמַּאי אוּן שִׁיטַת בֵּית הִלֵּל.

אוֹיךְ רֶעדְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן דִי סוֹדוֹת פוּן מִצְוָה טַאנְץ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פו). דִי סוֹד פוּן בַּדְחָנוּת אִיז מְרוּמָז אִין וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת סא.): "אִשָּׁה עוֹלָה עִמּוֹ וְאֵינָהּ יוֹרֶדֶת עִמּוֹ". אוֹיךְ רֶעדְט דָארְט דֶער רֶבִּי פוּן דִי סוֹד פוּן רוּפְן דִי גֶעלְט וָואס מֶען גֶעבְּט פַארְן בַּדְחָן - 'שַׁבָּת', דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פָּסוּק (תְּהִלִּים סח, יג): "וּנְוַת בַּ'יִת תְּ'חַלֵּק שָׁ'לָל", רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שַׁבָּת. אוֹיךְ רֶעדְט דֶער רֶבִּי פוּן דִי סוֹדוֹת פוּן טַאנְצְן אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ, אוּן פוּן זִיךְ דְרֵייעֶן וְכוּ'; אִין דֶעם אִיז מְרוּמָז דִי סוֹד פוּן (בְּרֵאשִׁית מו, ד): "אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַם עָלֹה", וַוייל דִי גַאנְצֶע גָלוּת מִצְרַיִם אִיז דָאךְ גֶעוֶוען מְתַקֵּן צוּ זַיין דִי נִיצוֹצוֹת פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, אוּן דִי חֲתוּנָה אִיז דָאךְ תִּיקוּן הַבְּרִית, בְּחִינַת "אָנֹכִי אַעַלְךָ גַם עָלֹה", עַיֵּין שָׁם.

אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז טַאקֶע דִי מִנְהָג פוּן מִצְוָה טַאנְץ אִיז אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי זֵיידֶעס פוּן חָתָן כַּלָּה אוּן דִי עֶלְטֶערְן פוּן חָתָן כַּלָּה, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע אִיז מֶען מְכַבֵּד צַדִּיקִים אוּן גְדוֹלֵי הַדּוֹר - אָבֶּער מֶער פוּן דֶעם הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט; דָאס וָואס מֶען רוּפְט אוֹיס פֶּעטֶערְס אוּן עֶלְטֶער פֶּעטֶערְס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - דָאס אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי סִטְרָא אַחֲרָא זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרֵיינְמִישְׁן אִין אַזַא הוֹיכֶע אוּן הֵיילִיגֶע צַייט וָואס דִי חָתָן כַּלָּה טַאנְצְן, וָואס דֶעמָאלְט וֶוערְט אַ יִחוּד אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן אוֹיךְ אִיז דָאס מְסוּגָל פַאר גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער, אוּן פַאר דִי חָתָן כַּלָּה'ס אֵייבִּיגֶע תִּיקוּן.

אַז דוּ דַארְפְסְט גֵיין צוּ אַ שִׂמְחָה פוּן אַ קָרוֹב - זָאלְסְטוּ גֵיין פְּרִי, אוּן אַהֵיים גֵיין אֵיידֶער דִי מִצְוָה טַאנְץ - וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז גָאר נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה וְכוּ', וִוי מֶען דַארְף זִיצְן וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיט נֶעמֶען אַ קְלֵיין חוּמָשׁ'ל, אַ קְלֵיין מִשְׁנָיוֹת'ל וְכַדּוֹמֶה, אוּן גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַ תִּיקוּן פַאךְן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, ט״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְגֶערֶעגְט - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, נָאר דוּרְךְ מִקְוֶה וֶועסְטוּ צוּרִיק וֶוערְן זִיךְ.

טוֹבֵל זִיךְ צֶען טְבִילוֹת אוּן הָאבּ אִינְזִין דִי אוֹתִיּוֹת אל״ף ה״ה יו״ד ה״ה, יֶעדֶע טְבִילָה הָאבּ אִינְזִין אַן אוֹת, אוּן בֶּעט: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָּאר אִיךְ וֶועל זִיךְ מֶער נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן״.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען קֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, ט״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין וַוייבּ וָואס זִי ווִיל גֵיין צוּ אַ רֶעבֶּעצִין וְכוּ׳, אוֹיסְהֶערְן אִירֶע וְכוּ׳; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, מֶען קֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן דִי וַוייבּ, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אִיךְ לָאז דִיךְ יָא, אִיךְ לָאז דִיךְ נִישְׁט; מֶען קֶען

שֵׁיין רֶעדְן, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, אוּן מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַ מַאֲמַר הֶחָכָם: "מַה שֶּׁיַּעֲשֶׂה הַזְּמַן לֹא יַעֲשֶׂה הַשֵּׂכֶל", וָואס דִי צַייט וֶועט טוּן - קֶען דִי שֵׂכֶל נִישְׁט טוּן; לָאז אָפּ דַיין וַוייבּ, פְרֵיי זִיךְ זִי הָאט דִיר גֶעלָאזְט פָארְן קַיין אוּמַאן, שְׁטוּפּ נִישְׁט, דוּ פִיר זִיךְ שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועסְטוּ זֶען וִוי מִיט דִי צַייט וֶועט זִי אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מָרַת ... תְּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מְנַהֶלֶת אִיז דָאס גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי אַרְבֶּעטֶער, פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס; זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶע טִיטְשֶׁערְס, אַלֶע אַרְבֶּעטֶערְס - קֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט בַּא'עַוְלֶה'ט.

גֶעבְּט פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶס זֶענֶען דָא טִיטְשֶׁערְס וָואס זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט סְפֵיקוֹת, מַחֲשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אוֹיבּ מֶען דַארְף זֵיי יָא אָדֶער נִישְׁט, דַארְפְט אִיר גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ וִויל בֶּעטְן מֶען זָאל נֶעמֶען פַאר דִי בֶּעבִּי סִיטִינְג פְרוּיעֶן וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ דִי קִינְדֶער, וָואס טוּישְׁן דִי קִינְדֶער גְלַייךְ אוּן גֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען פַאר דִי קִינְדֶער גְלַייךְ וֶוען דִי קִינְדֶער דַארְפְן דָאס, דִי בֶּעבִּי סִיטִינְג אִין סְקוּל אִיז נִישְׁט פַאר זִיךְ אוּנְטֶערְהַאלְטְן וְכוּ', עֶס מוּז זַיין פְרוּיעֶן מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל, נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער נֶעגְלֶעגְטֶעד (פַארְלָאזְט).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט צוּ סַאךְ צוּ וֵויינֶען, אַבִּיסְל וֵויינֶען אִיז גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענְט אִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוּן גְּלִיסְט צוּ הֶערְן ווִי אִיר דַאוֶוענְט אוּן אִיר זָאגְט תְּהִלִּים, אוֹיבְן אִין הִימְל נֶעמְט מֶען יֶעדֶע וָוארְט פוּן תְּפִלָּה אוּן פוּן תְּהִלִּים אוּן מֶען מַאכְט פוּן דֶעם אַ קְרוֹין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (שְׁמוֹת רַבָּה כא, ד).

גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ סַאךְ צוּ וֵויינֶען, אַבִּיסְל וֵויינֶען אִיז גוּט, אַבִּיסְל זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - ווִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זַיין גוּט אוּן ווִי שְׁטַארְק מֶען בֶּענְקְט זִיךְ צוּ אִים - דָאס אִיז גוּט, אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אוּן וֶוען אִיר עֶנְדִיגְט סֵפֶר תְּהִלִּים זָאלְט אִיר אַרַיינְשְׁרַייבְּן בַּיים לֶעצְטְן דַף אִין אַייעֶר תְּהִלִּים יֶעדֶע סִיּוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ קִינְד וָואס וֶוערְט שְׁנֶעל נֶערְוֶועז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר עֶלְף יֶערִיגֶער זוּן וָואס וֶוערְט שְׁנֶעל נֶערְוֶועז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ' וְכוּ', דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער וֶוערְן פוּן אִים וֵויי גֶעטוּן וְכוּ'; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז - אִים גֶעבְּן כָּבוֹד אוּן אִים מַאכְן פַארְנוּמֶען מִיט הֶעלְפְן, מַאכְן, טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען, אַזוֹי וֶועט עֶר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט הֶעלְפְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט זִיךְ צוּ קְרִיגְן.

דִי קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן זִיךְ אִין אֵיין קְרִיגְן מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער - דִי זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל גָאר קְלִיגֶע אוּן גֶעלוּנְגֶענֶע, דִי מֹחַ אַרְבֶּעט זֵיי שְׁנֶעל אוּן זֵיי מוּזְן הָאבְּן וָואס צוּ טוּן, אוּן אַז נִישְׁט - פַארְהַאנְקֶען זֵיי זִיךְ כְּסֵדֶר מִיט דִי אַרוּמִיגֶע.

מֵהַיּוֹם זָאלְט אִיר אִיבֶּערְלָאזְן זַאכְן וָואס אִיר אָדֶער אַייעֶר מַאן קֶענֶען עֶרְלֶעדִיגְן, אוּן אִים דָאס גֶעבְּן צוּ עֶרְלֶעדִיגְן, וְוִי אַיינְקוֹיפְן, טְרָאגְן צוּ מִשְׁפָּחָה, בְּרֶענְגֶען וְכוּ׳, אוֹיךְ זָאל מֶען אִים לוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרִימֶען, דָאס וֶועט אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען זַיינֶע טַאלַאנְטְן.

זִיכֶער זָאלְט אִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן דִי דְרֵיי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע מִצְוֹת וָואס מֶען הָאט סְפֶּעצִיעֶל גֶעגֶעבְּן פַאר פְרוֹיעֶן, נִדָה, חַלָּה אוּן הַדְלָקַת הַנֵּר, בַּיי דִי זְמַנִים דַארְף מֶען בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער. וְוִיפִיל מֶען בֶּעט אִיז וֵוייניִג, בַּיי דִי לֶעכְט זָאלְט אִיר אוֹיסְרֶעכֶענֶען יֶעדְן קִינְד מִיטְן נָאמֶען אוּן בֶּעטְן פַאר יֶעדְן קִינְד, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ זָאלְט אִיר שְׁטִילֶערְהֵייט שֶׁעפְּשֶׁען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן תְּפִילוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי אַנְדֶערֶע מִצְוָה.

...

## דוּרְךְ רֶעדְן אוּן הֶערְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, וֶוערְט אַ שְׁטוּרֶעם וְוינְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, ט״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוֶועלֶע.

לְכָבוֹד דַיין יוֹם הוּלֶדֶת זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ אוֹיסְהֶערְן חֲזָרַת הַשַּׁ״ץ אִין סִידוּר אוּן נִישְׁט טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס בַּיינַאכְט פוּן שְׁטוּבּ, גֵיי שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נִישְׁט מִיד - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי לֵצִים, עֶס וֶועט דִיר נָאר צֶעשְׁטוּרֶעמֶען דַיין מֹחַ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן לח), "רוּחַ סְעָרָה עוֹשֶׂה דְּבָרוֹ", דוּרְךְ רֶעדְן אוּן הֶערְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים - וֶוערְט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט, מֶען פַארְלִירְט דִי יִשּׁוּב הַדַּעַת.

זֶע צוּ צָאלְן רֶענְט אִין צַייט, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ גֵיין אוֹיף דִי הַייזֶער צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה, אוּן בַּאצָאלְן יֶעדְן עֶרְשְׁטְן לְמִסְפָּרָם.

...

## רֶעד נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם קֶעגְן דַיין טַאטֶע מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי בְּצַעַר פוּן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי אַז מֶען נֶעמְט דִיךְ מִיט דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער צוּ עֵדוּת זָאגְן קֶעגְן דִי טַאטֶע; נִישְׁט גֶענוּג דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, וָואס דָאס אַלֵיין אִיז אַזוֹי וֵוייטָאגְלִיךְ פַאר דִי קִינְדֶער - נֶעמְט מֶען עֶנְק צוּ שְׁלָאגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר בְּרַחֲמִים, שְׁטֵיי פוּן דֶער זַייט, רֶעד נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם קֶעגְן דַיין טַאטֶע מַאמֶע, דְרֵיי זִיךְ אַרוֹיס מִיט חָכְמָה, זַיי מְקַיֵּים וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת פַּחַד חֵלֶק ב׳, סִימָן ג): "מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ", דֶער וָואס אַנְטְלוֹיפְט פוּן אַ צָרָה אִיז קְלוּג; נִישְׁטָא נָאךְ אַ צָרָה וִוי דִי צָרָה פוּן מַחֲלֹקֶת.

בִּזְכוּת וָואס דוּ בִּיסְט מְקַיֵּים מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם, בִּזְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין דִי מַחֲלֹקֶת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידּוּךְ, אוּן צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְווֹת.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הַיילִיגְן רֶבִּי'ן, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ ווִינְקְל, אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ אוֹיף אִידִישׁ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּ אִים כְּיַדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, דֶערְצֵייל אִים דַיין לֶעבְן, דֶערְצֵייל אִים דַיין פַּרְשָׁה בִּפְרָטִיּוּת וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, אוּן בֶּעט אִים פַאר אַ שִׁידּוּךְ, פַאר אַ גוּט לֶעבְן, דָאס אוּן נָאר דָאס

וֶועט זַיין דַיין יְשׁוּעָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר שִׂמְחָה, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר, אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען אַלֶעס.

...

**נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה און גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעשִׁיקְט בְּרֶענְגֶען אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט און גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען אַ שִׁידוּךְ.

פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה אַזוֹי לַאנְג מַאֲרִיךְ אִין דִי מַעֲשֶׂה? דִי תּוֹרָה ווִיל אוּנְז וַוייזְן וָואס מִיר זָאלְן טוּן פַאר אַ שִׁידוּךְ, מַעֲשֶׂה אָבוֹת סִימָן לְבָנִים, אַז מֶען דַארְף אַ שִׁידוּךְ אִיז דָא אֵיין עֵצָה, גֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אִין אַ שְׁטִילֶע ווִינְקֶל, און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, בְּרֶענְג מִיר מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ ווִיל שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַלֵיין, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין אַ פְּלַג גוּף, אַ הַאלְבֶּער, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה און גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ, און גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נִישְׁט קַיין אוּמְרֶעכְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יב, ה): ״מַחְשְׁבוֹת צַדִּיקִים״, דִי גֶעדַאנְקֶען פוּן צַדִּיקִים - ״מִשְׁפָּט״, אִיז צוּ טוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, ״תַּחְבֻּלוֹת רְשָׁעִים״, דִי גֶעדַאנְקֶען פוּן רְשָׁעִים - ״מִרְמָה״, אִיז פַאלְשְׁקֵייט.

מֶען קֶען זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט, דֶער צַדִּיק לֶעבְּט אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חֲבַקּוּק ב, ד): ״וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה״, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נִישְׁט קַיין אוּמְרֶעכְט, אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט, אוּן וֶוען עֶפֶּעס פַּאסִירְט וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן צֶדֶק אוּן עֶר אִיז נִישְׁט חָשׁוּד ״דְעָבִיד דִּינָא בְּלֹא דִינָא״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שְׁטְרָאף וֶוען עֶס קוּמְט נִישְׁט (בְּרָכוֹת ה:), אַלֶעס אַלֶעס אִיז פִּינְקְטְלִיךְ מִיט אַן אוֹיסְגֶערֶעכְנְטְקֵייט; דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, ׳מַחְשְׁבוֹת צַדִּיקִים׳, דִי גֶעדַאנְקֶען פוּנֶעם צַדִּיק, ׳מִשְׁפָּט׳, אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס מִיט מִשְׁפָּט, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי צַדִּיקִים, וֶוען עֶס הָאט פַּאסִירְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט, פוּן אַ קְלֵיינִיקֵייט בִּיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, הָאבְּן זֵיי אַלְץ גֶעזָאגְט: ״צַדִּיק הוּא הַשֵּׁם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט״.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל זַיין קְנֶעפְּל צֶערִיסְן אוּן אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וֵוייס פַארְוָואס עֶס קוּמְט מִיר״, וַוייל דִי צַדִּיקִים לֶעבְּן מִיט חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, מַה שֶּׁאֵין כֵּן דִי רְשָׁעִים, וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, זֵיי זָאגְן אַז אַלֶעס אִיז מִרְמָה, אַלֶעס אִיז פַאלְשׁ חַס וְשָׁלוֹם.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז דָּבוּק צוּם צַדִּיק אֱמֶת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמוּנָה, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז עֵצוֹת אִין יֶעדְן פְּרָט, וִוי אַזוֹי מֶען זָאל זִיךְ פִירְן, וָואס מֶען זָאל טוּן. אַז דוּ דַארְפְסְט אַ שִׁידוּךְ, דוּ ווִילְסְט שׁוֹין הָאבְּן דַיין לֶעבְּן, עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ פְּלַג גוּף, אַלֵיין, זָאלְסְטוּ טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דִי פַּרְשָׁה (בְּרֵאשִׁית כד, סג), "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה", יִצְחָק אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁמוּעֶסְן אִין פֶעלְד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן: "אֵין שִׂיחָה אֶלָּא תְּפִלָּה" (בְּרָכוֹת כו:), "לִפְנוֹת עָרֶב", פַארְנַאכְטֶס. נָאךְ אַ פְּשַׁט, "לִפְנוֹת עָרֶב", עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען טוּנְקְל, פִינְסְטֶער; אַז מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, מֶען אִיז אַלֵיין, אִיז פִינְסְטֶער. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה", אָן אַ שִׁידוּךְ אִיז טוּנְקְל וְכוּ׳, יִצְחָק אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין אַלֵיין, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן**", "וְהִנֵּה גְמַלִּים בָּאִים", אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען זַיין שִׁידוּךְ.

טֵייעֶרער ..., גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, פָאר מִיט דַיין קַאר צוּ אַ וַואסֶער, צוּ אַ שְׁטִילֶע פַּארְק אוּן גֵיי דָארְט אַ שְׁפַּאצִיר (אָן דִי טֶעלֶעפָאן), אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל, הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע הֶענְט צוּם הִימְל אוּן זָאג: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר**", אוֹיךְ דַאנְק, זָאג שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

...

## דֶער וָואס פְרֶעגְט אוּן בֶּעט עֵצוֹת, אִיז אַ קְלוּגֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יב, טו): "דֶּרֶךְ אֱוִיל יָשָׁר בְּעֵינָיו", דֶער נַאר

פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין עֵצוֹת פוּן צַדִיקִים, עֶר הַאלְט אַז עֶר וֵוייסְט אַלֶעס, עֶר אִיז זִיכֶער אַז זַיין וֶועג אִיז אַ גְלַייכֶע, "וְשֹׁמֵעַ לְעֵצָה", אוּן דֶער וָואס פְרֶעגְט אוּן בֶּעט עֵצוֹת - "חָכָם", אִיז אַ קְלוּגֶער; וַוייל אֲפִילוּ מֶען זָאל זַיין וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, וַוייט פוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, אוֹיבּ הֶערְט מֶען זִיךְ צוּ צוּ דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק, וֶועט מֶען בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין אוֹיךְ צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק, אוּן אַז מֶען טוּט דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק, מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין פְלִיסִיגֶע דִיבּוּרִים בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, זָאגְט מֶען: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ וִויל טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ וִויל דַאוֶוענֶען, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען", מֶען בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג וִויל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אִיךְ בִּין נָאךְ אַזוֹי וַוייט, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ'" - וֶוערְט מֶען מִיט דִי צַייט אַ צַדִיק.

אוֹיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן אֲפִילוּ אָן קַיין גֶעפִיל (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) ; מִיט דִי צַייט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

... טֵייעֶרֶער, אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

...

## רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער הַארְצִיגֶע דִיבּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דַיינֶע תַּלְמִידִים שֵׁיין אוּן הַארְצִיג. דַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען יוּנְג, וֶוען זֵיי טוּעֶן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף זֵיי פַארֶערְכְטְן - אִיז דָאס אָן דַעַת, עֶס קוּמְט נִישְׁט מֶען זָאל שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵיי, מֶען דַארְף זֵיי

נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען, אוּן נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען; מֶען דַארְף אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת בִּיז מֶען פּוֹעֶל'ט, בִּיז מֶען זֶעט פֵּירוֹת.

דַארְפְסְט נִישְׁט שְׁרֵייעֶן וְכוּ', שְׁרֵייעֶן דַארְף מֶען שְׁטִילֶערְהֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָוען קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, בְּקוֹלֵי קוֹלוֹת, אָבֶער צוּ דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ רֶעדְן הַארְצִיגֶע דִיבּוּרִים. מִיר הָאבְּן אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נִישְׁט אוֹיף שְׁרֵייעֶן וְכוּ', נָאר צוּ לֶערְנֶען דִי זִיסְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, דִי זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד, אִיךְ אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן דִי מוֹסְדוֹת; אַז אוּנְזֶערֶע מְלַמְדִים, אוּנְזֶערֶע טִיטְשֶׁערְס - זָאלְן אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל צוּ דִי קִינְדֶער.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר דַיין הַצְלָחָה.

...

## אוֹיפְוַואקְסְן אָן קַיין בּוּשָׁה פוּן תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זִיכֶער וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶוען וֶוען מֶען קֶען אַרַיינְלֵייגְן אַן עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה אִינֶעם קִינְד, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים אָנְצוּטוּן צְוֵויי פָּאר תְּפִילִין, דוּרְךְ רֶעדְן צוּ אִים פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אָנְטוּן צְוֵויי פָּאר תְּפִילִין רַשִׁ"י אוּן רַבֵּינוּ תַּם, אָבֶער אַז מֶען זֶעט אַז עֶר שֶׁעמְט זִיךְ אוּן דִי חֲבֵרִים וֶועלְן לַאכְן פוּן אִים - אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ דוֹחֵק זַיין אֶת הַשָּׁעָה.

דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס הָאט אוּנְז גֶעשְׁטוּפְּט צוּ עֶפֶענֶען בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מוֹסְדוֹת, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין בּוּשָׁה פוּן תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם, פוּן פָּארְן אוֹיף אוּמַאן, אוּן אָפְּגֶערֶעדְט פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וְכוּ' וְכוּ', וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אָנְטוּן פוּן דִי בַּר מִצְוָה בֵּיידֶע פָּאר תְּפִילִין, אוּן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן אִיז זִיכֶער אַז אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן. אוֹיךְ זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת

תְּפִילִין הֲלָכָה ה׳, אוֹת כח): "וְעַל כֵּן כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ׳ צָרִיךְ לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִיר רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶת אֲנָשָׁיו לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם", וֶוער עֶס ווִיל מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מַקְפִּיד זַיין אָנְצוּטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַזְהִיר גֶעוֶועֶן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן; אוּן קוּקְט אַריין אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע ווערְטֶער וָואס עֶר שְׁרַייבְּט וַוייטֶער, מוֹרָא׳דִיגֶע ווערְטֶער (שָׁם, אוֹת כט): "וְעַל כֵּן עַכְשָׁיו בְּעִקְּבוֹת מְשִׁיחָא בְּסוֹף הַגָּלוּת צְרִיכִים לִזָּהֵר מְאֹד לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִירוּ כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁהָיוּ בְּיָמֵינוּ", אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס מֶען הַאלְט שׁוֹין מַמָּשׁ בַּיי דִי גְאוּלָה, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אָט אָט אַרוֹיס פוּן גָלוּת, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אָנְצוּטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם, אַזוֹי ווִי אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶועֶן, "כִּי עַכְשָׁיו הִתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד מֵחֲמַת שֶׁרוֹאֶה שֶׁקָּרוֹב לָבֹא קִצּוֹ", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ זֵייעֶר מִתְגַּבֵּר זֶעעֶנְדִיג ווִי זַיין סוֹף קוּמְט שׁוֹין, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע פָּאר תְּפִילִין זִיךְ צוּ קֶענֶען קְרִיגְן מִיט אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זֶען אַסַאךְ נַחַת בַּיי דֶעם קִינְד אוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער, אַלֶע זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

## נִישְׁט שְׁוֶוער מַאכְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס ווִיל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז אִיךְ הָאב זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף אַייךְ פוּן אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס, ווִי שֵׁיין אִיר פִירְט זִיךְ מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, אוּן פוּן אַייעֶרֶע גוּטֶע מִידוֹת, אִיר מַאכְט מִיר אַ נַחַת רוּחַ.

אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אַריבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גֶעדְרוּקְט אִין גֶעלְט, זָאלְט אִיר זֵיי נָאר הֶעלְפְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גִיסְן אוֹיל צוּם

פֵייעֶר, זִיךְ אָפְּרֶעדְן וְכוּ'. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן הָאבְּן שֶׁפַע, און זַייט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי אַז זֵיי קוֹיפְן אַייךְ נִישְׁט קַיין קְלֵיידֶער, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גֶעדְרוּקְט. זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים מִיט עֶנְק, עֶס וֶועט קוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע, מֶען וֶועט קֶענֶען קוֹיפְן קְלֵיידֶער פַאר דִי קִינְדֶער, און מֶען וֶועט קֶענֶען קוֹיפְן עֶסְן, עֶס וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין הוּנְגֶער אִין שְׁטוּב.

בִּתְנַאי אַז אִיר וֶועט נָאר הֶעלְפְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן און נִישְׁט אַרוֹיס וַוייזְן פַאר זֵיי אַז אִיר זֶענְט צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי מַצָּב וָואס הֶערְשְׁט אִין שְׁטוּב, נָאר הֶעלְפְן און זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, און גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, און נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גְרוֹיסֶע דַאנְק פַאר דִי הֶערְלִיכֶע הַכְנָסַת אוֹרְחִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי צוּ זֶען עֶפֶּעס פוּן דִיר און צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ עֶנְק, און אִיךְ קֶען שׁוֹין קוּים וַוארְטְן וֶוען עֶנְק קוּמֶען צוּרִיק.

אִיךְ בִּין דִיר נָאךְ שׁוּלְדִיג אַ גְרוֹיסֶע דַאנְק פַאר דִי הֶערְלִיכֶע הַכְנָסַת אוֹרְחִים, פַארְן אַרַיינְנֶעמֶען מִיךְ און מַיין מִשְׁפָּחָה שִׂמְחַת תּוֹרָה אִין עֶנְקֶער דִירָה און זָארְגְן דָאס אַיינְצוּרִישְׁן מִיט יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי עֶנְק אִין דִי דִירָה, אִין דִי זְכוּת פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים זָאלְן עֶנְק מַצְלִיחַ זַיין און הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת.

מִיר וַוארְטְן שׁוֹין זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען דִי פְרוֹי טְרַאכְט גוּט, וֶוערְט דֶער מַאן בֶּעסֶער אוּן פְרֵייליכֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס אַז אַייעֶר מַאן שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט - הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ, דָאס טָאר נִישְׁט מַאכְן אִיר זָאלְט אִים אַרָאפְּקוּקְן; מֶען קֶען הָאבְּן אַ גָאר גוּטֶע לֶעבְּן אֲפִילוּ מֶען שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף פְרִי.

אִיר מִיט אַייעֶר חָכְמַת נָשִׁים - קֶענְט אִים הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן אִים מַאכְן פְרֵיילִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה מה:): "מְלַמֵּד שֶׁנָּתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּינָה יְתֵירָה בָּאִשָּׁה יוֹתֵר מִבָּאִישׁ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אַ פְרוֹי מֶער קְלוּגְשַׁאפְט וִוי פַאר אַ מַאן; וָואס אִיז דִי בִּינָה יְתֵירָה? אַרוֹיפְקוּקְן אוּן גֶעבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִיל, אִים מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז יָא וֶוערְד; דָאס אַרְבֶּעט וואוּנְדֶערְלִיךְ, וִוי נָאר דִי פְרוֹי הוֹיבְּט אָן קוּקְן גוּט, וִוי נָאר דִי פְרוֹי הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן גוּט - וֶוערְט דֶער מַאן אוֹיפְן מִינוּט בֶּעסֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער.

פְרֶעגְט אִים אוֹיבּ עֶר ווִיל אִיר זָאלְט אִים הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֵיין, אִים וֶועקְן; נָאר אוֹיבּ עֶר ווִיל, אוּן נָאר אִים צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, אוּן מִיט גוּט קוּקְן אוּן מִיט הַאלְטְן טֵייעֶר - קֶען מֶען טוּישְׁן דֶעם מַאן פוּן אֵיין עֶקְסְטְרֶעם בִּיזְן אַנְדֶערְן.

זֶעט אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל גֵיין פְרֵיילִיכֶע מוּזִיק, אוּן עֶס זָאל זַיין צַאמְגֶענוּמֶען דִי שְׁטוּבּ, וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי שְׁלִיסְל פַאר הַצְלָחָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב׳, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מַצְלִיחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרוֹיסְהֵייבְּן דָאס קִינְד וָואס פִירְט זִיךְ דֶערְוַואקְסְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהאַלְטְן אַ הֶערְלִיכֶע גְרוּס פוּן דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳ אוֹיף אַייעֶר טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳. עֶס אִיז דָא בַּיי אִיר כִּתָּה עֶפֶּעס אַ שְׁטִיק צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ דַאוֶונֶען בְּקוֹל, דִי קִינְדֶער מֵיינֶען אַז דַאוֶונֶען בְּקוֹל אִיז עֶפֶּעס וָואס אִיז גֶעמַאכְט פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער אַייעֶר טָאכְטֶער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן פוּן קֵיינֶעם, זִי אִיז מַמָּשׁ פוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע, מִיט מַמָּשׁ נָאךְ צְוֵויי דְרֵיי קִינְדֶער - וָואס דַאוֶונֶען אוֹיפְן קוֹל.

אִיךְ ווִיל עֶנְק גֶעבְּן דִי נַחַת אוּן אִיךְ ווִיל עֶנְק בֶּעטְן עֶנְק זָאלְן וַוייזְן דִי בְּרִיוו פַאר אַייעֶר טָאכְטֶער תִּחְיֶ׳, אוּן אִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נַאשׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּן לְכָבוֹד דֶעם וָואס זִי אִיז אַזוֹי דֶערְוַואקְסְן צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג אוּן דַאוֶונֶען אוֹיפְן קוֹל, אֲפִילוּ וֶוען זִי אִיז מַמָּשׁ פוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן מִיט נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער.

...

## לָאז אָפּ דִי זַיידֶענֶע וָוארְט פוּן "בַּאשֶׁערְט"

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ פוּן דַיין זַייט זָאגְן יָא, לָאז דִי זַיידֶענֶע וָוארְט פוּן "בַּאשֶׁערְט", אוֹיבּ עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט וֶועט עֶס וֶוערְן אוּן אֶפְשָׁר אִיז עֶס נִישְׁט בַּאשֶׁערְט; לָאז דָאס פַאר דִי צַד הַשֵּׁנִי, אַז אוֹיבּ עֶס אִיז

נִישְׁט בַּאשֶׁערְט זָאלְן זֵיי זָאגְן נֵיין, דוּ פוּן דַיין זַייט זָאג יָא; וַוייל עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ פְּלַג גוּף, אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית.

טֵייעֶרֶער ..., שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, הֶער נִישְׁט אוֹיף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ הַקָּדוֹשׁ "עֶזְרִיאֵל" וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אִין הִימְל אַרוֹיפְצוּטְרָאגְן דִי תְּפִילוֹת פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אַזוֹי אַרוּם נִיצוֹל וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת. עֶס אִיז דָא אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן, וֶוער דֶער מַלְאָךְ אִיז אוּן וָואס זַיין זַאךְ אִיז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קְלַאפְּן אוֹיף דִי טִירְן צוּ הֶעלְפְן דֶעקְן דִי מְלַמְּדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, אוֹיב דוּ זֶעסְט אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן צוּ בַּאצָאלְן סוֹף וָואךְ דִי מְלַמְּדִים אוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע - זָאלְסְטוּ אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל אוּן הַארְץ, קְלַאפּ אוֹיף זֵייעֶר טִיר אוּן רֶעד צוּ זֵייעֶר הַארְץ זֵיי זָאלְן דִיר הֶעלְפְן דֶעקְן דִי מְלַמְּדִים, מֶען זָאל זֵיי קֶענֶען גֶעבְּן דִי גֶעהַאלְט, זֵיי זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען אִין חֵדֶר לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת.

אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אַרוֹיפְגֵיין מִיט דִיר צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ יֶעדֶע נַאכְט צוּ קֶענֶען דֶעקְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, וַוייל דָאס אִיז בַּיי מִיר וִויכְטִיגֶער וִוי אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן בִּיז אַהֶער וֶועט עֶר אוּנְז וַוייטֶער הֶעלְפְן, זָאג דִי תְּפִלָּה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן מִיט יָארְן צוּרִיק.

װען מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען װײנֶען צוּ מוֹהֲרַ"שׁ װָאס מִיר קֶענֶען טוּן צוּ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים הָאט אוּנְז מוֹהֲרַ"שׁ דֶעמָאלְט גֶעשְׁרִיבְּן דִי שֵׁיינֶע תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זֶע װי אִיךְ זִינְק אִין חוֹבוֹת, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן אַלֶע מַיינֶע צָרוֹת װָאס אִיךְ בִּין אַרַיין אִין דֶעם, אִיךְ זָאל קֶענֶען אָפְּגֶעבְּן אַלֶע חוֹבוֹת, גֶעבּ מִיר שֶׁפַע אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן מוּטְשֶׁען, װָארוּם מַיין גַאנְץ כַּוָּנָה אִיז נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ יְשִׁיבָה אוּן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה װאו דִי תַּלְמִידִים װֶעלְן רֶעדְן נָאר פוּן דִיר, אוּן זֵיי װֶעלְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת אוּן גֶעבּ מִיר חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן, אוּן הֶער צוּ מַיין תְּפִלָּה אוּן מַיין גֶעבֶּעט, אוּן שֶׁענְק מִיר אַ שֶׁפַע אִיךְ זָאל קֶענֶען אָפְּצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת, אוּן עֶס זָאל מִיר נִתְרַחֵב װֶערְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער װָאס דַארְף גָארְנִישְׁט, דֶער הָאט אַלֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז גֶעװֶען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה, מֶען הָאט זִיךְ מְחַזֵּק גֶעװֶען מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְּקוּת, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת פוּן װָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שח), אַז עֶס פִּינְקְט פַארְקֶערְט װי מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען, אַז דֶער װָאס הָאט אַלֶעס - דֶער הָאט, אוּן דֶער װָאס הָאט נִישְׁט - דֶעם פֶעלְט, עֶס אִיז פִּינְקְט פַארְקֶערְט, דֶער װָאס דַארְף גָארְנִישְׁט - דֶער הָאט אַלֶעס. דָאס אִיז פְּשַׁט װָאס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ד): "וְחַיֵּי צַעַר תִּחְיֶה, וְכוּ', אִם אַתָּה עֹשֶׂה כֵּן, אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ, אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא", װי קֶען זַיין 'וְטוֹב לָךְ לְעוֹלָם הַזֶּה' - װֶען מֶען הָאט גָארְנִישְׁט? מֵילָא 'וְטוֹב לָךְ לְעוֹלָם הַבָּא' - פֵיין, אָבֶּער אַז מֶען עֶסְט אַ

שְׁטִיקְל בְּרוֹיט מִיט זַאלְץ אוּן מֶען טְרִינְקְט אַבִּיסְל וַואסֶער וְכוּ׳, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם זָאגְסְטוּ ׳וְטוֹב לְךָ לְעוֹלָם הַבָּא׳?! זָאגְט דֶער רֶבִּי, ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ הָאט אוּן ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ ווִיל בַּאקוּמֶען דִי וֶועלְט - אַלְץ מֶער פֶּעלְט אִים אוּן אַלְץ מֶער צַעַר אוּן יְסוּרִים גֵייט מֶען אַרִיבֶּער; נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶה, נָאר אַז מֶען לוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה אוּן מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן דִי וֶועלְט - דֶעם אִיז גוּט.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כד, א): "וַה׳ בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט אַבְרָהָם ׳בַּכֹּל׳, מִיט אַלֶעס, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא יז.): "שְׁלֹשָׁה הִטְעִימָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּעוֹלָם הַזֶה מֵעֵין הָעוֹלָם הַבָּא", דְרֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא: אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב; בַּיי אַבְרָהָם שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, א): "וַה׳ בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם ׳בַּכֹּל׳"; בַּיי יִצְחָק שְׁטֵייט (שָׁם כז, לג): "וָאֹכַל ׳מִכֹּל׳", אוּן בַּיי יַעֲקֹב שְׁטֵייט (שָׁם לג, יא): "וְכִי יֶשׁ לִי ׳כֹל׳"; אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת זֶענֶען דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיז וָואס זָאגְט מֶען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַלֶעס? נָאר וָואס דֶען, וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נָאר טוּן דִי רְצוֹן הַשֵּׁם - דֶער הָאט אַלֶעס, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, ג): "עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְפְּרוּבִּירְט דִי אָבוֹת מִיט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, "וְעָמַד בְּכֻלָּם", זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט בַּכֹּל, מִכֹּל, כֹּל. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן ׳תָּם׳ (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) וָואס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אַלֶעס גֶעהַאט, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעהַאט אַלֶע פֵיינֶע מַאֲכָלִים אוּן מַשְׁקָאוֹת, אוּן אַלֶע סָארְט קְלֵיידֶער וְכוּ׳.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין בְּקַטְנוּת הַדַעַת, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן ווִי דוּ הָאסְט בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן טַעַם עוֹלָם הַבָּא.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

בס"ד




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט


רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**



IDEA. 8457769664